„RADOMER-KIELCER-LEBEN“ 52 (140) Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאָהרגאַנג דריטער גראָשען 25 פרייז

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

ראַדאָם פרייטאָג כ"ו טבת תרפ"ז — פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך — 31-go grudnia 1926 r.

הײַנט טו זײַטעל.

אַדרעסען:
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“

אין ראַדאָם:
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ
Redakcja i Administracja
„Radomer-Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אַנאָנסען פרייז!
פון מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 18 „
די ערשטע זייט ענטהאַלט 8 קאָלאָנען
אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „

Z intencji zaręczyn naszej koleżanki
p. **Sali Epsztajnównej**
z p. **Mendelem Frydmanem**
życzymy im aby dzień ten był symbolem ich
wiecznego szczęścia i zadowolenia.
**koleżanki**
**Andzia Rozenberżanka, Edzia Kerszberżanka**
**Rachela Goldberżanka**

סאַלאַ עפשטיין מענדיל פרידמאַן
═ פערלאָבט ═
ראַדאָם 25/12 1926 יאָהר

צו דער פערלאָבונג פון אונזער
ליבע טאָכטער סאַלע עפשטיין
מיט ה' מענדיל פרידמאַן
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל טוב
און אייביגע צופרידענהייט
**עלטערן, שוועסטער**
**און ברודער**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע פריינדין
**סאַלע עפשטיין** מיט ה' **מענדיל פרידמאַן**
ווינשען מיר, אז אויף זייער נייער לעבענס—
וועג זאָל זיי אימער דאָס גליק בעגלייטען.
**זיגמונט מײַשענבערג**
**און פנחס דאַווידאָוויק.**

ברכת מז"ט לבבית ליום נשואיהם של ידידי
מרים שפיזמן ויוסף לוו
תהי דרכם צלחה.
**מנחם חייט.**
עכו — ארץ-ישראל. 31/XII 26

צו דער חתונה פון
פרל. מרים שפײַזמאַן מיט ה' יוסף לעוו
ווינשען מיר דעם יונגען פאָר א גליקליכע
צוקונפט און די עלטערן, אונזערע פריינד,
פל נחת.
פאַמיליע **חייט**

*Stow. Pomocy Studentom Żydom*
*„Auxilium Academicum Judaicum“*
**w RADOMIU.**
**Urządza dorocznym swym zwyczajem**
R A U T (z atrakcjami)
Który odbędzie się w sobotę dn. 8 stycznia 1927 roku
W SALACH HOTELU EUROPEJSKIM (dawniej „Miraz“)
Zarząd.
**POCZĄTEK O GODZ. 9 WIECZ.**
**Wstęp tylko za zaproszeniami**
STROJE DOWOLNE — **CENA BILETU ZŁ 2.50**

געזעלשאַפט צו העלפען די יודישע סטודענטען
„אויקסיליום אַקאַדעמיקום יודאַיקום“ אין ראַדאָם.
אָרדענט איין שבת, דעם 8-טען סטיטשען 1927 י.
אין זאַל פון האָטעל אייראָפּעסקי (מיראַזש)
א יעהרליכען טראַדיציאָנעלען
**ראַוט** (מיט אַטראַקציעס)
**די פערוואַלטונג.**
אנפאַנג 9 אָוענד — איינטריט נאָר מיט אײַנלאַדונגען.
פרייז פון בילעטען — 2.50

# DYPLOMOWANA
## Akuszerka-Masażystka
*wykonuje całkowite masaże, masuje poszczególne części ciała oraz twarzy według najnowszej metody.*
E. Szopówna-Tenenbaumowa
*Radom, Rwańska 19 2-gie piętro.*

# דיפלאָמירטע אקושערקא
## און מאַסאַזשיסטקא
פיהרט אויס מאַסאַזשען אויפן גאַנצען קערפער; אויף
איינצעלנע טהיילען פון קערפער, ווי אויך אויפן פנים
לויט די נײַעסטע מעטאָדען.
**שאָפּאָוונאַ-טענענבוים**
ראָווינסקאַ 19 2-טער שטאָק

# קעלצער אבטיילונג.

### ה׳ שמואל ברוך זייאנטש־קאווסקי, נעמט אב אייער פאספארט קיין בראזיליען.

דער קעלצער פאליציי—קאמענדאנט האט זיך געווענדעט צום הרב הארבערג מיט דער בקשה, מודיע צו זיין דורך דעם „קעלצער־ראדאמער לעבען" דעם ה׳ שמואל ברוך זייאנטשקאווסקי פון קעלץ, וועמענס אדרעס ס׳איז נישט באקאנט, אז ער זאל קומען אין קאמיסאריאט אריין (2 טע דזיעלניצע) אב־געמען זיין אויסלענדישען פאספארט קיין בראזיליען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויבען־דערמאנטען, קאן זיך דער ה׳ זייאנטשקאווסקי ווענדען נאכ׳ן פאספארט אין קאמיסאריאט אריין צום פושאדאוו־ניק בוגייסקי.

### די וואהלען צום ראט און פער־וואלטונג פון דער קראנקען־קאסע.

מאנטאג, דעם 27/12 ה. י. איז אין זאהל פון שטאדט־ראט פארגעקומען די קאנסטיטואירענדע זיצונג צום ראט און פערוואלטונג פון דער קראנקען־קאסע.

דער קאמיסאר פון דער קראנקען־קאסע, ה׳ כולימירסקי, האט געעפענט די זיצונג און האט איינגעלאדענט דעם ה׳ מ. ראוויצקי, אלס פארזיצענדען פון דער וואהל־קאמיסיע (ה׳ ראוויצקי איז דער עלטסטער מיטגליד).

אלס פארז. פון ראט איז מיט א מעהרהייט פון 35 שטימען אויסגעוועלט געווארען דער פראפעסאר ה׳ הענריק קוץ (נ. פ. ר.) און אלס וויצע־פארז. ה׳ קאזשמיערזש העמפעל (ענדעק).

ס׳איז אויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג פון 9 פערזאהן, די ה״ה: הערמאן לעווי, (פארז. פון קייז־סית רים—פעראיין) זאלעסקי, זשאנדסקי, קוביצקי, שטשעפאנאלסקי, סאביעראנסקי שמיידעל, מישטאל און מיערניק.

### פון ספארט־קלוב „מכבי"

דעם 9—טען יאנואר 1927 קומט פאר אין לאקאל פון דער קהלה א אויסער־געוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מכבי" מיט פאלגענדען טאג—ארדנונג: 1) וואהלען פון א פארזיצענדען, 2) בעריכט פון דער פערוואלטונג פאר׳ן יאהר 1926, 3) בעריכט פון דער רע־וויזיאנס—קאמיסיע, 4) וואהלען פון א פערוואלטונג און 5) פרייע פארשלאגן.

אלע מיטגלידער און סימפאטיקער פון „מכבי" ווערען געבעטען צו קומען מאסענוויין און פינקטליך

### די יעהרליכע אלגעמיינע פער־זאמלונג פון „בית־יתומים".

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „בית—יתומים", וואס האט געזאלט פארקומען פאריגען שבת דעם 25/XII, איז צוליב׳ן נישט קומען די געהעריגע צאהל מיטגלידער אבגעלייגט געווארען און קומט פאר אין א צווייטען טערמין זונטאג, דעם 2־טען יאנואר 1927 — פינקטליך 5 א זייגער נ. מ. אין לא־קאל פון דער יודישער קהלה.

### א גרויסער מאסקען באל.

שבת, דעם 1—טען יאנואר 1927 11 א זייגער ביי נאכט קומט פאר אין נייעם קינא „פאלאס" (סטאשיצא № 6) א גרויסער מאסקען—באל איינגעאר־דענט דורך דער געזעלשאפט „בית־יתומים".

די פארברייטונגען אין שטאדט צו דעם באל זענען זעהר גרויס און דער באל זאגט צו זיין זעהר אימפאזאנט.

דער ריוח איז בעשטימט פאר׳ן „בית־יתומים" צו קויפען ווינטער־מלבושים פאר די קינדער.

ס׳איז צו האפען, אז די יודישע בעפעלקערונג וועט דעם באל מאסענ־וויין בעזוכען. שטיצענדיג דאמיט דעם ארימען יודישען יתום.

### 15,000 זלאטעס פאר די קעלצער יודישע האנדווערקער.

די יידישע פאלקס—באנק האט ער־האלטען פון ס. ק. א. א סומע פון 15,000 זלאטעס פאר די קעלצער יו־דישע האנדווערקער – 5000 זלאטעס פאר דעם בעקער קאאפעראטיוו ביים האנדווערקער־פעראיין און 10,000 זלא־טעס אלס הלואות פאר די רעשט האנד־ווערקער.

די הלואות ווערען אויסגעגעבען אויף 10 חדשים אויסצוצאהלען ראַ־טעס־ווייז פאר 16% א יאהר

### פון דער געזעלשאפט „לינת־הצדק".

ווי מיר דערוויסען זיך פון זיכערע קוועלען, האט זיך די פערוואלטונג

צבי מ.

## דער טענצער.

### (פעליעטאן.)

מאריץ איז א יונגערמאן פון עטלי־כע צוואנציג יאהר. איהר קענט איהם צו יעדער צייט טרעפען אויף דער גאס אדער אין דער צוקערניע. ער האט שטענדיג צייט און די געשעפטען זיינע ערלעדיגט ער אין דער צוקערניע. ער האלט כסדר אין איין לאנגווייליגען זיך. ער ווישט די טישלעך אין דער צוקערניע פון מינוט צו מינוט. די גע־שפרעכען וואס ווערען דורך זיינע בעקאנטע געפיהרט, אינטערעסירען איהם ניט, נור האט איז ער געליבען ביי א טישל זיצען לענגער און נאך מיין מאריץ האט דאס ווארט. ער רעדט און רעדט אהן אויפהער ביז אלע פארלאזען איינציגווייז דאס טישעל און מאריץ בלייבט אליין נישט האבענדיג פער־ענדיגט דעם רעפעראט וועגן דעם נייעס־טען „פשארלסטאן".

אויפ׳ן געביעט פון טאנץ איז ער באמת א בר־סמכא. ער קאן זיי אלע על רגל אחת. ער ווייזט אין זיי ארויס א גרויס קענטניש און איז ראשו ורובו אין זיי איינגעטהון. אויסער טאנצען אינטערעסירט איהם גארנישט צו אלע אנדערע פראגען בעציהט ער זיך מיט בטול. ער האט, זאגט ער, פיינד בטלנים וואס בראכען זיך דעם קאפ (ער ברעכט זיך די פיס) מיט פראבלעמען, איבער וועלכע ער טאנצט אריבער. אגב איז מאריץ לעצטענס א מבין אויף מוזיק, ווייסט איהר זייט ווען?

זייט אין דער צוקערניע האט אנגע־הויבען שפילען א טריא.

די מוזיק שרייט ער, לאנגווייליגט איהם. עפעס ווערען געשפילט זאכען וואס דערמאנען טויטע. און...

פלוצלינג בלייבט מאריץ שטיל. דאס געזיכט זיינ׳ס בעקומט קאלירען, די אויגען הייבען זיך אן פינקלען. וואס איז געשעהן?

דער ארקעסטער שפילט א „שימי", אט דאס פערשטעה איך — רופט זיך אן מאריץ און הויבט אן ארויסווייזען זיין בקיאות אין דער „שימי־מוזיק".

ער בעקומט דעם גוטען הומאר. גיעט א קלינג דעם פינגער און מאר־מארטעט טישעל אויף דעם קעלנער און מיט א שימי־מעלאדיע רופט ער אויס „פול פשארנע".

ער קאן שוין מעהר זיך נישט פא־פען ער וואלט גערען אבגערוקט אלע טישלעך אין א זייט און געלאזט זיך באדיי מיט דעם קעלנער און א רקידה׳לע...

מיינט אבער ניעט דאס מאריץ האט שטענדיג אזוי פיל צייט.

אט טרעפען מיר איהם אין דער גאס א פארנאפטעטען. ער שאצעלט שנע־לע טריט ער קומט אוועק אויף גאנצע שעה׳ן. ער בעווייזט זיך אין דער צו־קערניע אויף געצעלטע מינוטען און האלט אב קורצע קאנפערענצען מיט זיינע בעקאנטע.

א „שווארצע קאווע" קומט פאר אין עטליכע טאג ארום.

און ווער פיהרט אן מיט די צוגריי־טונגען? ווער פערנעמט זיך מיטן צוזא־מענשטעלען די ליסטע פון איינגעלא־דענע? — מאריץ. ער פערברענגט גלייכ־צייטיג גאנצע טעג ביי די בעקאנטע וואס ווילען זיך אויסשארפען א ביסעל די פיס לכבוד דער „שווארצער קאווע" מאריץ קען זיך נישט קיין עצה געבען מיט די איינלאדונגען וואס ער בעקומט יעדער מינוט.

אין סאקע א דאנק מאריצען האבען די „קאוועס" יעדעס מאהל אנ׳ערפאלג.

גאר אנ׳אנדערער מענש ווערט מא־ריץ אויף דער „קאווע". זיין פני־שטראלט פון פרייד. ער פיהלט זיך ווי דער אמת׳ער בעל שמחה וואס וויל אלע געסט צופרידענשטעלען, ער האלט סאר זיין חיוב מיט יעדען גאסט בעזונדער צו טאנצען און יעדען בע־זונדער ארויסזאגען עטליכע פאכמעני־שע בעמערקונגען. און אזוי א־בייט ער אב א גאנצע נאכט עד עלות־השחר.

צומארגענס נאכמיטאג בעווייזט זיך מאריץ אין דער צוקערניע אן אויס־געשלאפענער. ער נעמט אב גראטולאציע צוליעב׳ן ערפאלג אויף דער „קאווע" און ווידער הויבט זיך מאריץ אן צו לאנגווייל׳ען ביז... צו דער צווייטער „קאווע".

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר דעם
פרעזעס פון די קולטור-קאמיסיע יעקב וויינגארט
צוליב דער גרויסער אבידה פון זיין פאטער
הרב הגאון
ר' מנחם מענדיל וויינגארט נ"ע
זאל ער א טרייסט געפינען אין זיין נוצליכער ארבייט
לטובת דער יודישער געזעלשאפט.
די קולטור-קאמיסיע ביים האנדווערקער-קלוב
אין ראדאם.

---

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס מיין געעהרטען חבר
יעקב וויינגארט דעם פרעזעס פון די קולטור קאמיסיע ביים האנדוו.-קלוב
צוליב דעם טויט פון זיין הויך געשעצטען פאטער הרב הגאון
ר' מנחם מענדיל וויינגארט נ"ע
זאל ער זיין טרייסט געפינען אין געזעלשאפטליכע ארבייט
בנימין האכמאן.

---

איך נעם דעם טיעפסטען אנטייל אין דעם צער פון די חשובע
פאמיליע וויינגארט צוליעב דעם טויט פון דעם סעניאר פון
זייער משפחה
הרב הגאון ר' מענדיל נ"ע
זאלען זיי געטרייסט ווערען בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
דוד פרענקעל עט פאמיליע.

---

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ג חבר און מיטגליד יעקב וויינגארט צום פערלוסט פון זיין פאטער
הרב הגאון ר' מנחם מענדיל וויינגארט נ"ע.
זאל ער א טרייסט געפונען אין זיין איבערגעגעבענער ארבייט לטובת דעם יודישען האנדווערקער-כלל אין ראדאם.
דער יודישער האנטווערקער קלוב
אין ראדאם.

---

חזק פקודה! מעלדע ראש שבת דעם 1/1 פינקטליך 4 נ. מ. קומט פאר
## אנ'אסיפה פון גדוד „השחר" (ברית השומר בדרום)
אין אייגענעם לאקאל לובלינסקא 21
חזק ואמץ!
קאמענדאנט מ סאנדעל.

---

## מודעה.
מיר מאכען בעקאנט די יודישע בעפעלקערונג אין ראדאם אז מיר יודישע איינוואוהנער פון דער זשעפיע נאס טראכטען צו צום בויען א בית מדרש דערום בעטען מיר יעדען איינציגען יוד, אז ווען מיר וועלען זיך ווענדען צו אייך נאך הילף, זאלט איהר אייך נישט אפזאגען און אונז בייהילפיג זיין, מיר האבען 3 ספרים און מיר האבען נישט וואו צו דאווענען, דעריבער ווענדען מיר זיך מיט א הייסען אויפרוף, צו אייך נישט צו פנטזאגען ווען עס וועלען זיך בעווייזען אונזערע דעלעגאטען אויף יעדער שמחה מיט קוויטלעך פאר דעם צוועק און אונטערשטיצען די זאמלונג מיט אייערע פאר גרעסטען וואס איהר וועט געבען. וועלען מיר אייך אלע זיין גרויס דאנקבאר און מיר וועלען מיט גאט'ס הילף אויפשטעלען א מקום קדוש. די יודישע איינוואוהנער פון דער זשאביע גאס

---

## דאס יודישע „בית-יתומים" אין קעלץ.
זונטאג, דעם 2 טען סעפטעמבער 1927 י. 5 א זייגער נאך מיטאג קומט פאר אין לאקאל פון דער יודישע גמינע לעאנארדא 1 אין צווייטען טערמין
די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון „בית-יתומים" אין קעלץ
קומט מאסענווייז און פינקטליך!!! די פערוואלטונג

---

**Nie kompromituj mnie kochanie,**
**Kłaniając mi się na ulicy,**
**Niechaj przed światem pozostanie**
**Znajomość nasza w tajemnicy...!!!**
oto motto słynnego obrazu, p. t

# „KOBIETY, KTÓRYM SIĘ NIE KŁANIAMY"
## (Te,,, z rogu ulicy).

Tragedja kobiety, która stoczyła się w bagno życia wielkomiejskiego
Z niezwykłym realizmem potraktowana rola kobiety kochającej i kochanie przez słynną ulubienicę Publiczności
## LYA MARĘ
wyciska łzy prawdziwego wzruszenia
**Nadzwyczajny ten obraz**
demonstrowany będzie już
od Poniadziałku w kinie ODEON.

---

Kino Teatr „CORSO" w Radomiu
**Dziś i dni następnych!**
wspaniały dramat w 10-ciu aktach.
## POŻAR SERC
z czasów rewolucji Rosyjskiej w 1917 r.
w rolach głównych, niezapomnieni bohaterzy z obrazu KOENIGSMARK
**Nad program! Nad program!**
DZIENNIK „PATHE"

---




---

אלגעמיינער ארבעטער-קאאפעראטיוו אין ראדאם.
צום ערשטען מאל אין ראדאם! — צום ערשטען מאל אין ראדאם!
שבת דעם 1 יאנואר 1 אזייגער נ. מ. קומט פאר
אין קינא—טעאטער „קארסא"
א גראנדיעזער ליטעראריש מר משפט
איבער שלום—אש'ס בארימט ווערק
# מאטקע גנב
מיטן אנטייל פון בעקאנטע פעדאגאג גימנאזיע דירעקטאר
## א. ליפמאן פון ווילנע.
[illegible] פון 50 גר. ביז 1 זל. — דער זאל איז בעהייצט

---




---

**Kino „CZARY" w Kielcach.**
Najcudniejszy i najpiękniejszy obraz sezonu
**Najukochańsza Żona**
## MAHARADŻY
W głównej roli
*Gunnar Tolnaes i Karin Bell*

---




Redaktor i Wydawca CH. M. HERC — Odbito we własnej drukarni [illegible] Szwarlikowska Nr [illegible]